NEW

# לקוטי שיחות

VAESCHANAN ואתחנן

VOLUME 2, P. 363–371

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAESCHANAN I | ואתחנן א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Mattos-Maasei,* 5712 (1952)

## Introduction

Picture yourself at a crossroads without Waze or Google Maps, traveling on foot through unfamiliar terrain. That's how it was during the Biblical era in *Eretz Yisrael*, when not all the roads were well-maintained or clearly signposted. There was one striking exception: the roads leading to the cities of refuge.

When someone killed another person, these cities provided sanctuary.[1] The Talmud states[2] that the roads to these cities had to be kept in perfect repair, with clear signs reading "Refuge, Refuge" posted at every crossroads, thus ensuring that anyone fleeing could find safety quickly.

Every moment of our lives presents a similar crossroads. Our daily choices don't just affect us – they impact the entire world around us. And the consequences of these choices can be monumental.

There are two types of directional signs: stationary markers that help only those who stop to read them, and living human signs – people who actively seek out travelers at crossroads and personally guide them to safety.

In this *sichah*, the Rebbe challenges us to become such active signs. Rather than treating Jewish life as a private spiritual endeavor, he calls us to be dynamic agents of awakening – going out to where other Jews are found, not waiting for them to come to us. He reveals how each of us can create ripples of transformation and assures us that no genuine effort is ever wasted.

---

1. A person who accidentally killed another had to live in exile in these cities until the death of the *Kohen Gadol.* One who killed intentionally could also take refuge there until his case was brought before the court. (See *Devarim* 4:41-42 and *Bamidbar* 35:11-34.)

2. *Bava Basra* 100b and *Makkos* 10b. See also *Bamidbar Rabbah* 23:13 and *Midrash Tanchuma, Parshas Maasei,* sec. 11; *Rambam, Hilchos Rotzei'ach U'Shemiras Nefesh* 8:5.

# Engaging Others, a Mission for Everyone

## Pathways to Refuge

**1.** When referring to the cities of refuge, **this week's Torah reading states,**[1] **"Then Moshe set aside three cities... for a killer to flee there."**

**The roads leading to the cities of refuge** had to be **kept in good repair and each road was 32 cubits wide. Every crossroad leading to the cities of refuge** had to be clearly marked with **a sign reading: "Refuge, Refuge."**[2]

**Since this was the case regarding the physical realm, it is understood that** parallels to **all these details also exist regarding the spiritual cities of refuge – the words of Torah, as it states, "The words of Torah provide refuge."**[3] The words of the Torah provide refuge **for** a person who sins, **the spiritual counterpart of killing, as discussed in the *maamar*.**[4]

א. (אִין דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט: אָז יַבְדִּיל מֹשֶׁה שָׁלֹשׁ עָרִים וגו׳ לָנוּס שָׁמָּה רוֹצֵחַ וגו׳, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן עָרֵי מִקְלָט).

דִי וֶועגְן וֶועלְכֶע פְלֶעגְן פִירְן צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט, זַיְינֶען גֶעוֶוען דְרָכִים מְתוּקָנִים, זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען בְּרֵייט צְוֵויי אוּן דְרַיְיסִיק אֵיילְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶער פָּרָשַׁת דְרָכִים אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁילְד, "מִקְלָט, מִקְלָט", בִּכְדֵי צוּ וַוְייזְן דִי וֶועג וָואס פִירְט צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט[א].

וִוִיבַּאלְד אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִין גַשְׁמִיוּת, אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אוֹיךְ אִין דִי רוּחְנִיוּת'דִיקֶע עָרֵי מִקְלָט, - וָואס דָאס זַיְינֶען דִבְרֵי תוֹרָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט[ב] דִבְרֵי תוֹרָה קוֹלְטִין, צוּ דֶעם רוּחְנִיוּת'דִיקְן הוֹרֵג נֶפֶשׁ, ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדט אִין מַאֲמָר[ג], - זַיְינֶען פַארַאן דִי אַלֶע פְּרָטִים.

## Getting a True Picture

**2. In truth,** it is necessary to reorient our perspective. **It is not because a concept exists in the physical realm that** we conclude a parallel **exists in the spiritual realm. Instead, the opposite is true; the primary existence of the concept is in the spiritual realm, and because it exists in the spiritual realm, it descends,** from realm to realm, **through the chainlike progression of existence,** until **it also becomes manifest in the physical realm.**

ב. בֶּאֱמֶת אִיז פַארְקֶערְט, נִיט וַוְיְיל דֶער עִנְיָן אִיז פַארַאן אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר אִיז דֶער עִנְיָן דָא אִין רוּחְנִיוּת, נָאר אַדְרַבָּה, דֶער עִיקָר עִנְיָן אִיז אִין רוּחְנִיוּת, אוּן וַוְיְיל דֶער עִנְיָן אִיז אַזוֹי אִין רוּחְנִיוּת, קוּמְט עֶר אַרָאפּ בְּהִשְׁתַּלְשְׁלוּת אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיוּת,

1. *Devarim* 4:41-42.

**2.** ***Bava Basra*** **100b;** ***Rambam, Hilchos Rotzei'ach U'Shemiras Nefesh*** **8:5; Makkos 10b;** ***Bamidbar Rabbah*** **23:13;** ***Midrash Tanchuma, Parshas Maasei,*** **sec. 11.**

**3.** ***Makkos*** **10a.**

**4.** See the end of the *maamar* entitled *Vayidaber... Vehikrisem* (*Toras Menachem,* Vol. 6, pp. 92-93) delivered at this *farbrengen* and ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 2, p. 623ff.,** where the concept is explained at length.

**This follows the explanation in** ***Shalah***[5] **regarding the axiom**[6] **that "The Torah speaks of** matters as they exist **on this lowly material plane and alludes to them** as they exist **in the supernal realms."** ***Shalah*** **explains the true** reality **is the opposite: "The Torah speaks of** matters as they exist in **the supernal realms and** merely **alludes to them** as they exist **on this lowly material plane."** In other words, it is natural for a person to think that the Torah describes events and situations that first occurred in this material world and, by meditating upon them, he can gain a conception of their parallels in spiritual reality. **In truth, however, the Torah describes the spiritual reality. It is only** that since we are mortals, our primary conception of the Torah **is as it alludes to the lower worlds.**

**Just as this applies to all matters in the Torah, so too,** it applies to **the cities of refuge. All the specific details that exist in the physical cities of refuge exist in the spiritual cities of refuge. Indeed, the** process of causation **is the opposite – in essence, these concepts originate in the spiritual realm, and through the chainlike progression of worlds, they also descend** and become manifest **in the physical realm.**

אַזוֹי ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין שְׁלָ"ה[ה] אוֹיף דֶעם וואָס הַתּוֹרָה מְדַבֶּרֶת בַּתַּחְתּוֹנִים וְרוֹמֶזֶת בָּעֶלְיוֹנִים, אַז בֶּאֱמֶת אִיז הַתּוֹרָה מְדַבֶּרֶת בָּעֶלְיוֹנִים, נָאר מִיר נֶעמֶען דֶעם רֶמֶז וואָס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ תַּחְתּוֹנִים.

אוּן אַזוֹי ווִי דָאס אִיז אִין אַלֶע עִנְיָנִים אִין תּוֹרָה, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן עָרֵי מִקְלָט, אַז דִי אַלֶע פְּרָטֵי עִנְיָנִים וואָס זַיְינֶען פַאראַן אִין גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע עָרֵי מִקְלָט, זַיְינֶען פַאראַן אִין דִי רוּחְנִיּוּת'דִיקֶע עָרֵי מִקְלָט, אוּן אַדְּרַבָּה - דֶער עִיקָר פוּן דִי עִנְיָנִים זַיְינֶען אִין רוּחְנִיּוּת, אוּן דוּרְךְ הִשְׁתַּלְשְׁלוּת קוּמֶען זֵיי אַרָאפּ אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת.

## The Direction of Our Vision

**3. Were we worthy, we would approach the matter from above to below. In other words,** ideally, **we would** first **comprehend these concepts** as they exist **in the spiritual realm, and, consequently, we would understand that since these concepts exist in the spiritual realm, it can be assumed that they also exist in the physical realm.**

**All matters in the world can be approached from above to below.** We should **view matters as**

ג. אִלּוּ זָכִינוּ - וואָלְטְן מִיר זוֹכֶה גֶעווֶען - וואָלְט מֶען נֶעמֶען דֶעם עִנְיָן מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, דָאס הֵייסְט מֶען וואָלְט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם עִנְיָן אִין רוּחְנִיּוּת, וּבְמֵילָא וואָלְט מֶען פַארְשְׁטֵיין, אַז ווִיבַּאלְד דִי עִנְיָנִים זַיְינֶען דָא אִין רוּחְנִיּוּת, זַיְינֶען זֵיי מִסְתָּמָא פַאראַן אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת.

אַלֶע עִנְיָנִים וואָס אִין עוֹלָם, קָאן

5. ***Shnei Luchos HaBris, Hakdamas Beis Acharon,*** **p. 14a;** *Asarah Maamaros,* the *maamar* entitled *Chikur Din,* sec. 3, ch. 22.

6. See *Ramban, Bereishis* 1:1.

**they exist in the spiritual reality and, consequently, understand that** parallels **also exist in our physical reality.**

**My revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **told the following story:**[7]

**His father, the Rebbe** Rashab, **would not allow any interruptions between washing his hands for the meal and reciting the blessing over bread. Although according to the law, an interruption specifically means speaking or** delaying for a significant **time, nevertheless, he would not allow any interruption, even** merely **interrupting his thought, between washing** his **hands and the blessing over bread.**[8]

**In the years 5554-5555 (1894-95), medical professors discovered a new vein in the brain that enhances memory and concentration.**[9] Once, **while the Rebbe Rashab was washing his hands** for a meal,[10] **a member of the household**[11] **related this with great amazement to the Rebbe** Rashab. **The Rebbe listened and said nothing. After making the blessing for bread and eating, he told** the members of the household **to wait a moment. He then went into his room and brought out a small chassidic text, a manuscript of the Mitteler Rebbe, and showed them that this vein is discussed in six or seven lines there. In that source, the Mitteler Rebbe explains that there is a vein in the brain that contains gases and moves back and forth, thus en-**

מֶען נֶעמֶען מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, דָאס הֵייסְט זֶען דִי עִנְיָנִים ווִי זֵיי זַיְינֶען אִין רוּחְנִיּוּת, וּבְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין, אַז אַזוֹי אִיז מִסְתָּמָא אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת.

- כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז זַיְין פָאטֶער, דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, פְלֶעגְט נִיט וֶועלְן לַיְידְן אַז מֶען אִיז אִים מַפְסִיק צְווִישְׁן וַואשְׁן זִיךְ צוּם עֶסְן אוּן בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא, הֲגַם אַז עַל פִּי דִין הֵייסְט אַ הֶפְסֵק, דִּיבּוּר אָדֶער זְמַן דַּוְקָא, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פְלֶעגְט עֶר נִיט וֶועלְן לַיְידְן אַז מֶען אִיז אִים מַפְסִיק אֲפִילוּ נָאר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ צְווִישְׁן נְטִילַת יָדַיִם אוּן בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא.

אִין דִי יָארְן תרנ״ד-ה׳ הָאבְּן דִי מֶעדִיצִין-פְּרָאפֶעסָארְן אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַ נַיְיעֶם אָדֶער אִין מוֹחַ, וָואס דֶער אָדֶער הֶעלְפְט צוּ זִכָּרוֹן אוּן צוּ פַארְטִיפוּנְג. אֵיינֶער פוּן דִי בְּנֵי בַּיִת׳ הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט מִיט גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת צוּ הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַאַמוּ״ר הָרַב הַקָּדוֹשׁ (מְהוֹרַשַּׁ״ב) בַּיְים עֶסְן. הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַאַמוּ״ר הָרַב הַקָּדוֹשׁ הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גָארְנִיט גֶעזָאגְט. נָאכְן בֶּענְטשְׁן הָאט עֶר גֶעזָאגְט, מֶען זָאל אַ וַויְילֶע צוּאוּוַוארְטְן. עֶר אִיז דַאן אַרַיְינְגֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אִין חֵדֶר אוּן הָאט פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אַ קְלֵיין בִּיכְל חֲסִידוּת, אַ כְּתַב-יַד פוּן הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ״ר הָאֶמְצָעִי, אוּן הָאט גֶעווִיזְן אַז עֶס וֶוערְט דָארְט אִין זֶעקְס-זִיבְּן שׁוּרוֹת גֶעבְּרַאכְט וֶועגְן דֶעם אָדֶער. הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ״ר הָאֶמְצָעִי אִיז דָארְט מְבָאֵר, אַז עֶס אִיז פַארַאן אַן אָדֶער אִין מוֹחַ וָואס עֶר אִיז מָלֵא אֵידִים, אוּן אִיז זִיךְ מִתְנַעְנֵעַ - בַּאוֶועגְט זִיךְ - הִין אוּן

7. ***Sefer HaMaamarim 5700,* p. 140.**

8. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch,* sec. 166.

9. It is possible that the story relates to the research of Christian Bohr and John Scott Haldane during the mid-1890s. They published studies describing how blood vessels expand in response to carbon dioxide levels, directing more blood to active brain regions. This mechanism, now known as cerebral autoregulation or neurovascular coupling, supports cognitive functions like memory and concentration by ensuring oxygen-rich blood reaches areas of the brain in use. See also *Shivilei Emunah,* p. 35d.

10. **See *Toras Menachem, Reshimas HaYoman,* pp. 75, 290ff.**

11. The Rebbe Rayatz was referring to his uncle, **the Rebbe Rashab's brother, Rabbi Menachem Mendel** born 6 Adar, 5627 (1867). **See *Toldos Admor Maharash,* p. 22,** for details **about him.**

**hancing memory and concentration. When the vein moves toward the portion of the brain associated with *chochmah*[12] and *binah*,[13] it assists memory, and when it moves toward the side of the brain** governed by ***daas*****, it assists deep contemplation.**[14] **For this reason, we see that when a person wants to remember something, he lifts his head, and when he wants to contemplate something in depth, he bends his head down.**

The person who related the discovery **exclaimed to the Rebbe** Rashab: **If so, the Mitteler Rebbe was a great professor! The Rebbe** Rashab **responded: He – the Mitteler Rebbe – knew about this** phenomenon **because this** phenomenon **exists** in the world **above, in the *Adam HaElyon*** **("the Supernal Man").**[15] **Therefore, it certainly also exists in man on this physical plane.**

**How much more so does this apply regarding concepts related in the Torah. Certainly, they should be understood** with an approach that looks **from above downward. In other words,** ideally, we should **understand these concepts as they exist in the spiritual realm, and from that, derive an** appreciation of their **application in the physical realm as well. As *Iggeres HaKodesh*[16] states regarding the study of the laws that will apply in the Ultimate Future: From the spiritual dimension of the concepts, one will also know how they apply in the physical realm.**

**צוּרִיק אוּן דָאס הֶעלְפְט צוּ זִכָּרוֹן אוּן צוּ הַעֲמָקָה. אַז דֶער אָדֶער בַּאוֶועגְט זִיךְ צוּ דֶעם מוֹחַ הַחָכְמָה אוּן בִּינָה[ז] הֶעלְפְט דָאס צוּ זִכָּרוֹן אוּן אַז עֶר בַּאוֶועגְט זִיךְ צוּ דֶעם זַיְיט פוּן מוֹחַ הַדַעַת הֶעלְפְט דָאס צוּ הַעֲמָקָה. דֶערְפַאר זֶעעֶן מִיר, אַז וֶוען אַ מֶענְטשׁ ווִיל זִיךְ אוֹיף עֶפֶּעס דֶערְמָאנֶען הוֹיבְּט עֶר אוֹיף דֶעם קָאפּ אוּן וֶוען עֶר ווִיל זִיךְ אִין עֶפֶּעס פַארְטִיפְן בּוֹיגְט עֶר אַיְין דֶעם קָאפּ.**

**הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט בַּיי הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַאַמוּ"ר הָרַב הַקָּדוֹשׁ: אוֹיבּ אַזוֹי, אִיז דָאךְ הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר הָאֶמְצָעִי גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר. הָאט אוֹיף דֶעם הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַאַמוּ"ר הָרַב הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: עֶר - הוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר הָאֶמְצָעִי - הָאט דָאס גֶעוואוּסְט, וַוְיְיל לְמַעְלָה אִין אָדָם הָעֶלְיוֹן אִיז דָאס פַאַראן, מִמֵּילָא אִיז דָאס בַּיְים אָדָם לְמַטָּה זִיכֶער אוֹיךְ דָא. -**

**וּמִכָּל שֶׁכֵּן עִנְיָנִים וָואס אִין תּוֹרָה, קָאן מֶען אַ וַדַּאי נֶעמֶען מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, דָאס הֵייסְט נֶעמֶען דִי עִנְיָנִים אִין רוּחְנִיּוּת, אוּן דֶערְפוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ[ח], בְּנוֹגֵעַ דֶעם לִימּוּד הַהֲלָכוֹת דְלֶעָתִיד, אַז פוּן רוּחְנִיּוּת הָעִנְיָנִים, וֶועט מֶען ווִיסְן אוֹיךְ דִי עִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת.**

---

12. The powers of *chochmah* and *binah* relate to the right and left hemispheres of the brain respectively.

**13. It appears that the hemisphere of *binah* is mentioned merely peripherally. As is well known, the portion of the brain** associated with **memory is the attribute of *chochmah* that transcends *binah*** (***Likkutei Torah, Shir HaShirim,*** the *maamar* entitled ***Biur al Hapassuk Basi LeGani,*** **the end of sec. 1,** p. 33a).

**Nevertheless, a distinction can be made between the inner and exterior dimension** of the *mochin* of *chochmah* and *binah*. **Note the sources cited in *Ya'ir Nesiv* on *MeOrei Or, maareches zachor* and *maareches shikcha.***

14. The power of *daas* is associated by some with the claustrum, a thin sheet of neurons located deep within the brain, and by others with the cerebellum, the posterior brain. See *Or HaTorah, Shmos,* Vol. 7, p. 2491.

See also *Tanya,* chs. 3 and 43, which explain that *daas* is associated with the dimension of intellect involving a deep connection with the concept one is trying to comprehend. It is not mere abstract knowledge, but a process of identification through which a person bonds with theidea.

15. In this context, *Adam HaElyon* ("the Supernal Man") refers to the ten *sefiros* of the world of *Atzilus*.

**16. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* the end of Epistle 26.**

**However, since we have not merited to use this approach, we must derive these concepts by** viewing matters **from below upward – observing how things exist in the physical realm, and from this, deriving that these concepts exist in the spiritual realm.**

אָבֶער וויבַאלְד אַז מֶען אִיז נִיט זוֹכֶה צוּ דֶעם, דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי עִנְיָנִים מִלְמַטָה לְמַעְלָה, זֶען דִי עִנְיָנִים ווִי זֵיי זַיְינֶען אִין גַשְׁמִיוּת, אוּן פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עִנְיָנִים אִין רוּחְנִיוּת.

## The Need for G-d's Help

**4. In a physical sense, the cities of refuge would benefit not only one who killed accidentally, but also one who killed intentionally. Even one who killed intentionally needed to flee to the cities of refuge[17] until the** court started its **investigation and inquiry. In the interim, the avenger of the blood could not kill him. Similarly, in a spiritual sense, the words of Torah provide refuge also for one who kills – i.e., sins – intentionally.**

ד. אַזוֹי ווִי אִין גַשְׁמִיוּת, פְלֶעגְן דָאךְ דִי עָרֵי מִקְלָט הֶעלְפְן נִיט נָאר אַ הוֹרֵג נֶפֶשׁ בְּשׁוֹגֵג, נָאר אוֹיךְ אַ הוֹרֵג נֶפֶשׁ בְּמֵזִיד, ווָארוּם אוֹיךְ אַ הוֹרֵג נֶפֶשׁ בְּמֵזִיד פְלֶעגְט דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן אִין עָרֵי מִקְלָט[ט], בִּיז דֶער חֲקִירָה וּדְרִישָׁה, כְּדֵי אַז דֶערְווַיְיל זָאל אִים דֶער גוֹאֵל הַדָם נִיט הַרְגְ'נֶען, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת, זַיְינֶען דִבְרֵי תוֹרָה קוֹלְטִין אוֹיךְ אַ הוֹרֵג נֶפֶשׁ בְּמֵזִיד, דָאס הֵייסְט אַן עוֹבֵר עֲבֵירָה בְּמֵזִיד.

As mentioned, **on the physical plane, the roads leading to the cities of refuge were well-maintained and wide so that the killer could easily flee to** those cities. **Furthermore, there was also a sign at every crossroads showing where to flee. (Even a road that is well-maintained and wide is not beneficial if one does not know which direction to take.)**

אוּן אַזוֹי ווִי אִין גַשְׁמִיוּת, אִיז אוֹיסֶער דֶעם ווָאס דִי ווֶעגְן ווָאס פְלֶעגְן פִירְן צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט זַיְינֶען גֶעווֶען דְרָכִים מְתוּקָנִים אוּן בְּרֵייטֶע ווֶעגְן, כְּדֵי אַז דֶער רוֹצֵחַ זָאל קֶענֶען לוֹיפְן גְרִינְג צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט, - אִיז אוֹיף יֶעדֶער פָּרָשַׁת דְרָכִים אוֹיךְ גֶעווֶען אַ שִׁילְד, אוֹיף צוּ ווַיְיזְן דִי ווֶעג וואוּהִין צוּ לוֹיפְן, ווָארוּם דָאס אַלֵיין ווָאס דִי ווֶעג אִיז אַ דֶרֶךְ מְתוּקָנָה וּרְחָבָה, אִיז ווֵיינִיק, אוֹיבּ עֶר ווֶעט נִיט ווִיסְן אִין ווֶעלְכְן זַיְיט צוּ גֵיין;

**Similarly, in a spiritual sense, in addition to the fact that the path to the words of Torah is "easy and wide," G-d shows** a person **in which direction** he is **to go. Since** man **has been given free choice – as it is written,[18] "See, I have set before you today life and good, death and evil" – if he is not shown the way, he could turn to the "left" side, Heaven forbid,** i.e., **he could choose death and evil. Therefore,**

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת, אַז אוֹיסֶער דֶעם ווָאס דִי ווֶעג צוּ דִבְרֵי תוֹרָה אִיז אַ גְרִינְגֶע אוּן אַ בְּרֵייטֶע ווֶעג, - ווַיְיזְט אָן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִין ווֶעלְכֶער זַיְיט צוּ גֵיין, ווָארוּם מִצַד בְּחִירָה חָפְשִׁית ווָאס עֶס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעווָארְן, ווִי עֶס שְׁטֵייט', רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַיוֹם אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטוֹב וְאֶת הַמָוֶת וְאֶת הָרָע, אִיז אוֹיבּ מֶען ווֶעט אִים נִיט אָנְווַיְיזְן דִי ווֶעג, קָאן עֶר גֵיין חַס וְשָׁלוֹם אִין דֶער לִינְקֶער זַיְיט, עֶר קָאן אוֹיסְקְלַיְיבְּן מָוֶת

17. *Makkos* 9b.

18. *Devarim* 30:15.

**G-d stands, as it were, with a sign stating, “Refuge, refuge,” cautioning him to go to the “right” side, as it is written,**[19] **“You shall choose life” – this is the assistance G-d grants.**[20]

אוּן רַע. דֶערְפַאר שְׁטֵייט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל מִיט אַ שִׁילְד אוּן זָאגְט אִים ״מִקְלָט, מִקְלָט״, עֶר וָוארְנְט אִים עֶר זָאל גֵיין אִין דֶער רֶעכְטֶער זַיְיט, ווִי עֶס שְׁטֵייט[יא] וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים, וָואס דָאס אִיז דֶער הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ[יב].

**Because everyone has been given free choice – including** the option to **choose even evil – everyone must receive assistance from Above. G-d** must **tell him: “Refuge, refuge” – follow the path that leads to life and good. Even Rabban Yochanan ben Zakkai said,**[21] **“I do not know by which path they are leading me.” How much more so does this apply to others, and certainly to those living in a time of double and redoubled darkness who cannot know which path they are taking. They must receive assistance from Above;** it is necessary **that G-d direct them where to go.**

מִצַּד בְּחִירָה חָפְשִׁית וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז עֶר קָאן אוֹיסְקְלַייבְּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיךְ דֶעם רַע, מוּז יֶעדֶער אֵיינֶער אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם עֵזֶר שֶׁלְּמַעְלָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים זָאגְן: מִקְלָט, מִקְלָט, גֵיי אִין דֶעם וֶועג וָואס פִירְט צוּ חַיִּים וְטוֹב, וָוארוּם אֲפִילוּ רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט גֶעזָאגְט[יג] אֵינִי יוֹדֵעַ בְּאֵיזוֹ (דֶּרֶךְ) מוֹלִיכִין אוֹתִי, מִכָּל שֶׁכֵּן אַנְדֶערֶע, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זַיְינֶען אִין אַ זְמַן פוּן חֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכוּפָּל, קָאנֶען זֵיי אַ וַדַאי נִיט ווִיסְן אִין וֶועלְכְן דֶּרֶךְ זֵיי גֵייעֶן, אוּן זֵיי מוּזְן אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם עֵזֶר שֶׁלְּמַעְלָה, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי זָאגְן וואוּהִין צוּ גֵיין.

## The Mission – To Be a Signpost

5. **If a person wants G-d to show him where to go, he must also act in the same way** when it comes to his fellows.

The characteristic pattern with which G-d relates to a person follows **the mode, “measure for measure.”**[22] As such, **one must go out to the crossroads where Jews who do not know which direction to go are standing. He must go to them and call out, “Refuge, refuge! Go to the ‘right’ side that leads to refuge! There,** you will find **refuge from the avenger of the blood – from the *Satan*** who **descends** to this world **and misleads you**, luring you to sin, then **ascends and accuses you** in the Heavenly court.[23] **Do**

ה. אוֹיבּ מֶען ווִיל, אָבֶּער, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים וַוייְזְן וואוּהִין צוּ גֵיין, מוּז עֶר אַלֵיין אוֹיךְ טָאן אַזוֹי, מִדָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה[יד].

מֶען מוּז אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דֶער פָּרָשַׁת דְּרָכִים וואוּ עֶס שְׁטֵייעֶן אִידְן אוּן וֵוייסְן נִיט אִין וֶועלְכֶער זַיְיט צוּ גֵיין, מֶען דַארְף גֵיין צוּ זֵיי אוּן שְׁרַייעֶן: מִקְלָט, מִקְלָט, גֵייט צוּם רֶעכְטְן זַיְיט וָואס פִירְט קֵיין מִקְלָט, דָארְטְן אִיז אַ מִקְלָט פוּן גוֹאֵל הַדָּם, פוּן דֶעם שָׂטָן וָואס אִיז יוֹרֵד וּמַסְטִין עוֹלֶה וּמְקַטְרֵג[טו], גֵייט נִיט חַס

19. Ibid. 30:19.

20. See *Kiddushin* 30b, which states, “Were it not for the Holy One, Blessed be He, assisting [a person in battling his evil inclination,] he could not [overcome] it,” as quoted **and explained in *Tanya*, the beginning of ch. 13.**

21. *Berachos* 28b.

22. *Sotah* 11a. *Sanhedrin* 90a.

23. *Bava Basra* 16a. Note the version of *Ein Yaakov* **in that source. See** also ***Sefer HaMaamarim 5700*, p. 159.**

**not go, Heaven forbid, to the 'left' side, which leads to destruction and a dire end."[24]**

**This task is incumbent on every individual – to position himself at the crossroads and call out, "Refuge, refuge," showing others where they should go. True, by doing this, the individual will always find himself at the crossroads, in a place where there is also a path that leads to the "left" side.** Nevertheless, **he should not be discouraged; specifically through this, he will fulfill the mission with which he has been charged.**

**As stated in the adage of Rav Mordechai *hatzadik* conveyed in the name of the Baal Shem Tov,[25] "A soul descends to this world and lives seventy or eighty years to do a favor for [another] Jew in physical matters, and especially in spiritual matters." Accordingly, it is worthwhile to always stand at the crossroads** to be able **even once to show another Jew the path that leads to refuge** through **the Torah.**

וְשָׁלוֹם אִין דֶער לִינְקֶער זַיְיט, וָואס פִירְט אִין שְׁאוֹל וַאֲבַדוֹן.

אוּן דָאס אִיז אַן אוֹיפְגַאבֶּע וָואס לִיגְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַוועֶקְשְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף אַ פָּרָשַׁת דְרָכִים אוּן שְׁרַייְעֶן: מִקְלָט, מִקְלָט, וַוייְזְן דִי וֶועג וואוּהִין מֶען דַארְף גֵיין. אוּן הֲגַם אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ גֶעפִינֶען דִי גַאנְצֶע צַיְיט אוֹיפְן פָּרָשַׁת דְרָכִים, אִין אַן אָרְט וָואס דָארְטְן אִיז דָא אַ וֶועג וָואס פִירְט אוֹיךְ אִין דֶער לִינְקֶער זַיְיט, זָאל עֶר נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן, וָוארוּם דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם פִירְט עֶר אוֹיס דֶעם תַּפְקִיד וָואס לִיגְט אוֹיף אִים.

ווִי דֶער מַאֲמָר[טז] פוּן ר׳ מָרְדְכַי הַצַדִיק בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב: ״עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ נְשָׁמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן לֶעבְּט אָפּ זִיבֶּעצִיק אַכְצִיק יָאר, צוּלִיבּ טָאן אַ אִידְן אַ טוֹבָה בְּגַשְׁמִיוּת וּבִפְרַט אִין רוּחְנִיוּת״. אִיז דָאךְ כְּדַאי שְׁטֵיין דִי גַאנְצֶע צַיְיט אוֹיף אַ פָּרָשַׁת דְרָכִים, כְּדֵי צוּ וַוייְזְן אֵיין מָאל אַ אִידְן דִי וֶועג וָואס פִירְט צוּם תּוֹרָה־מִקְלָט.

## Divine Recompense

**6.** Such actions will have a reciprocal effect **– G-d will show the person the path leading to life and good.**

**When he comes to a crossroads and positions himself as a sign, calling out, "Refuge, refuge," he does not know whether another person will follow his** instructions. **He does not even know if anyone is listening to what he is saying at all; he** may **not see any people** passing by **at all. Nevertheless, this does not concern him. He is a sign that stands at the crossroads and shows the way to refuge – the path** leading to **refuge from the evil inclination, from the *Satan*.**

ו. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִים וַוייְזְן דִי וֶועג וָואס פִירְט צוּ חַיִּים וְטוֹב.

בְּשַׁעַת עֶר וֶועט קוּמֶען אוֹיף אַ פָּרָשַׁת דְרָכִים אוּן אַוועֶקְשְׁטֶעלְן זִיךְ ווִי אַ שִׁילְד אוּן שְׁרַייְעֶן: מִקְלָט, מִקְלָט - עֶר ווֵייס נִיט צִי יֶענֶער וֶועט אִים פָאלְגְן, עֶר ווֵייס גָאר אֲפִילוּ נִיט צִי עֶמֶעצֶער הֶערְט אִינְגַאנְצְן וָואס עֶר רֶעדט, עֶר זֶעט גָאר נִיט גֵיין קֵיין מֶענְטשְׁן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס אִים נִיט נוֹגֵעַ, עֶר אִיז אַ שִׁילְד וָואס שְׁטֵייט אוֹיפְן פָּרָשַׁת דְרָכִים אוּן וַוייְזְט דִי וֶועג צוּם מִקְלָט, דִי וֶועג וָואס דָארְטְן אִיז אַ מִקְלָט פוּן יֵצֶר הָרָע, אַ מִקְלָט פוּן שָׂטָן.

---

24. *Shaol,* the term translated as "a dire end," literally means "the grave."

25. ***Hayom Yom,*** **entry 5 Iyar,** citing from the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 3, letter no. 757, p. 295.

**True, he may accomplish nothing** by standing there. **Nevertheless, since he has fulfilled his mission – he has stood at the crossroads and showed other Jews the way to** leading to **refuge – G-d will show him the way to "choose life."**[18] True, **he may be merely "one who serves G-d" – not yet "a servant of G-d"**[26] **– i.e., he is still in the midst of his service, because he** is **still** challenged by his **evil inclination. Not only has he not accomplished any weakening of the evil inclination through his Divine service over time;** on the contrary, **it remains as strong as when he was born. Indeed, it has become even stronger over time** because **he has involved it** in material activities, **eating, drinking, and the like.**[27] **Because of his evil inclination, he could choose, Heaven forbid, death and evil. Nevertheless, G-d shows him the way to life and good – "G-d helps him,"**[20] **"saving him from the judges of his soul."**[28]

אִיז כָאטשׁ עֶר הָאט אֶפְשָׁר גָארְנִיט אוֹיפְגֶעטָאן, אָבֶער וִויבַּאלְד אַז זַיְין אוֹיפְגַאבֶּע הָאט עֶר גֶעטָאן, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְן פָּרָשַׁת דְּרָכִים אוּן גֶעווִיזְן אִידְן דִי וועג צוּם מִקְלָט, דֶערְפַאר וועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווַיְיזְן אִים דִי וועג פוּן וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים, אַז הֲגַם עֶר אִיז מֶער נִיט ווִי אַן עוֹבֵד אֱלֹקִים, נִיט קֵיין עֶבֶד הֲוָיָ', דָאס הֵייסְט עֶר הַאלְט אִין מִיטְן דֶער עֲבוֹדָה, וָוארוּם עֶר הָאט נָאךְ אַ יֵצֶר הָרָע, אוּן נִיט נָאר אַז דוּרְךְ דֶער צַיְיט הָאט עֶר נִיט גֶע'פּוֹעֵל'ט מִיט זַיְין עֲבוֹדָה קֵיין אָפְּשְׁווַאכוּנְג אִין יֵצֶר הָרָע אוּן עֶר אִיז בַּיי אִים כְּתוֹלַדְתּוֹ, נָאר אַדְּרַבָּה, עֶר אִיז נָאךְ שְׁטַארְקֶער גֶעווָארְן דוּרְךְ דֶער צַיְיט וָואס נִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ הַרְבֵּה בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה כו'"[ז], וּמִצַּד דֶעם יֵצֶר הָרָע קֶען עֶר בּוֹחֵר זַיְין חַס וְשָׁלוֹם אִין מָוֶת וָרַע, ווַיְיזְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִים דִי וועג צוּ חַיִּים וְטוֹב, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ לְהוֹשִׁיעוֹ מִשּׁוֹפְטֵי נַפְשׁוֹ.

## Cold Stone; Inviting Warmth

7. **My revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **once explained the** following **difference between the Baal Shem Tov and the great Torah scholars in *nigleh,* the** revealed, primarily legalistic aspects of **Torah, who lived at that time:**

Students **would come to the great scholars of *nigleh* to study. By contrast, the Baal Shem Tov and his disciples would not wait for people to come to them. Instead, they would travel to cities and towns where Jews were to be found.** The Rebbe Rayatz cited **the explanation of this** phenomenon **given by the Alter**

ז. כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז דִי נַפְקָא מִינָּהּ פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט דִי גְדוֹלִים אִין נִגְלֶה דְתוֹרָה וָואס זַיְינֶען גֶעווֶען דֶעמָאלְט, אִיז דָאס וָואס בַּיי דִי גְדוֹלִים פוּן נִגְלֶה דְתוֹרָה אִיז גֶעווֶען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ זֵיי לֶערְנֶען, דַאקֶעגְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט זַיְינֶע תַּלְמִידִים פְלֶעגְן נִיט ווַארְטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי, נָאר זֵיי פְלֶעגְן פָארְן אִין שְׁטֶעט אוּן מוֹשָׁבִים וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ.

- עֶס אִיז פַארַאן אַ בֵּיאוּר פוּן אַלְטְן רֶבִּי'ן

26. See *Tanya,* ch. 15, which distinguishes between a *beinoni* – whom it refers to as "one who serves G-d" (*Malachi* 3:18), who is in the midst of his Divine service, constantly working to overcome the challenge of his natural inclination – and a *tzadik,* whom it refers to as "a servant of G-d," i.e., one who has already vanquished his natural inclination.

27. *Tanya,* ch. 13.

28. *Tehillim* 109:31.

**Rebbe and the Mitteler Rebbe that has already been published.**[29]

**A parallel to this distinction between the great Torah scholars of *nigleh* and the Baal Shem Tov also exists in connection with the cities of refuge,** and the way one goes out to the crossroads and directs people to the refuge of the Torah, **as mentioned previously.**

**According to *nigleh,*** the signpost directing one to the cities of refuge **would be a pillar, a stone, or the like, on which was written, "Refuge, refuge." The pillar did not speak to anyone. Rather, if someone passed by the pillar and looked at what was written on it – and could at least read – he would discover where he needed to go.**

**A similar** pattern applies **in spiritual matters: There will be one who will travel from his place and journey to a crossroads; in other words, he will position himself among Jews who stand at the crossroads. While there, if someone – one who can at least "read"**[30] **– asks him** directions, **he will show him the way to the refuge** of the Torah.

Unquestionably, **he has shown self-sacrifice by going out to the crossroads,** but once there, **he does not stir from his place. He is a stationary pillar, inanimate. (They**

און פון מִיטֶעלְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער נַפְקָא מִינָּה פון דִי גְדוֹלִים בְּנִגְלֶה דְתּוֹרָה בִּיז דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב. דָאס אִיז שוֹין גֶעדְרוּקְט[כח]. -

און אַזוֹי ווִי דִי נַפְקָא מִינָּה פון דִי גְדוֹלֵי נִגְלֶה דְתּוֹרָה און דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי אִיז אִין דֶעם עִנְיָן פון עָרֵי מִקְלָט, ווָאס מֶען הָאט פְּרִיעֶר גֶערֶעדט, פַּאראַן אַ חִילוּק ווִי דָאס אִיז עַל פִּי נִגְלֶה און עַל פִּי חֲסִידוּת.

עַל פִּי נִגְלֶה - פְּלֶעגְט זַיְין אַן עָמוּד, אַ שְׁטֵיין און דָאס גְלַיְיךְ און אוֹיף אִים פְּלֶעגְט זַיְין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִקְלָט, מִקְלָט, דֶער עָמוּד הָאט נִישְׁט גֶערֶעדט צוּ יֶענֶעם, נָאר אַז עֶמֶעצֶער אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פַארְבַּיי דֶעם עָמוּד און צוּגֶעקוּקְט זִיךְ צוּ דֶעם ווָאס עֶס שְׁטֵייט אוֹיפְן עָמוּד און הָאט גֶעקֶענְט לֵייעֶנֶען לְכָל הַפָּחוֹת - הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט דִי ווֶעג וואוּהִין עֶר דַארְף גֵיין.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת: עֶס אִיז פַּאראַן אַזַא ווָאס ווֶעט אַוֶועקְפָארְן פון זַיְין אָרְט, און אַרַיְינְפָארְן אִין אָרְט פון אַ פָּרָשַׁת דְּרָכִים, דָאס הֵייסְט אַרַיְינְפָארְן צְווִישְׁן אִידְן ווָאס שְׁטֵייעֶן אִין אַ פָּרָשַׁת דְּרָכִים, און זַיְיעֶנְדִיק דָארְטְן, אַז עֶמֶעצֶער ווֶעט אִים פְרֶעגְן - אַזַא ווָאס קֶען "לֵייעֶנֶען" לְכָל הַפָּחוֹת - ווֶעט עֶר אִים ווַיְיזְן דִי ווֶעג אִין מִקְלָט.

מְסִירַת נֶפֶשׁ הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפְּרַאוֶועט ווָאס עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין אַ פָּרָשַׁת דְּרָכִים, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶערִירְט פון זַיְין אָרְט, עֶר אִיז אַן עָמוּד עוֹמֵד, אַ דוֹמֵם.

---

**29.** See ***Likkutei Dibburim,*** Vol. 3, **p. 890.** See also *Sefer HaSichos – Kayitz, 5700,* pp. 83-84 (cited in part in *Hayom Yom,* entry 16 Av), which quotes the Alter Rebbe, who gave the pithy reply, "One revealed dimension attracts another. Therefore, in the revealed dimension of the Torah, the student seeks out the teacher. However, one inner dimension must arouse and reveal another. Thus, regarding the inner dimension of Torah, the teacher must go to the student and arouse his inner core." The Mitteler Rebbe explained, "*Nigleh,* the revealed dimension of the Torah, is called 'water,' and people are drawn to approach water. *Pnimiyus haTorah* is called 'fire,' which arouses fear. Therefore, a person who is teaching the Torah's inner, mystical dimension must approach the recipient and tell him not to be afraid, because 'G-d your L-rd is a consuming fire.'"

30. In other words, such a person does not take the initiative in engaging the "passersby." If a passerby "can read" – i.e., if he has an inkling of who the person standing at the crossroads is and what he has to offer – then he will approach the person at the crossroads. However, if the passerby "cannot read," i.e., if he does not realize what he will gain by engaging the one at the crossroads, they will never interact.

would say about a clock: it goes back and forth, it is continuously moving, but it doesn't move from its place.)

According to the explanations of *Chassidus*, however, a different approach is mandated. **One may not remain inanimate; he must be a *mehalech,* one who advances.**[31] **He must be a person who** pulses **with eagerness, vitality, and warmth. Instead of waiting until he is asked, he must** display **lively energy and friendliness. If he sees anywhere that there is a Jew whom he can possibly help with anything, he must run to that person and show him the way to the refuge** of the Torah.

**This is the task that my revered father-in-law, the Rebbe, assigned to his students in particular**[32] **– that they go out for several weeks and call out "Refuge, refuge! This is the way that leads to life and good." They should be like signs that show the way, but living signs, not stone ones that stand in one place, but living signs that move with vitality and show every individual the way to** the Torah's **refuge.**

- אַמָאל פְלֶעגְט מֶען זָאגְן אוֹיף אַ זֵייגֶער: עֶר גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק, עֶר הַאלְט אִין אֵיין גֵיין, אָבֶּער עֶר רִירְט זִיךְ נִיט פוּן אָרְט. -

עַל פִּי בִּיאוּר הַחֲסִידוּת, אָבֶּער, טָאר מֶען נִיט זַיְין קֵיין דוֹמֵם, מֶען מוּז זַיְין אַ מְהַלֵךְ, עֶר דַארְף זַיְין אַ חַיּוּת'דִיקֶער מֶענְטשׁ, אַ לֶעבֶּעדִיקֶער מֶענְטשׁ אוּן אַ וַוארֶעמֶער מֶענְטשׁ, עֶר דַארְף נִיט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן. עֶר דַארְף הָאבְּן חַיּוּת, לֶעבֶּעדִיקַיְיט אוּן רִירֶעוְודִיקַיְיט. אוֹיבּ עֶר זֶעט נָאר עֶרְגֶעץ אַז עֶס אִיז דָא אַ אִיד וָואס עֶס קָאן זַיְין אַז עֶר קָאן אִים עֶפֶּעס הֶעלְפְן, דַארְף עֶר לוֹיפְן צוּ יֶענֶעם אוּן וַוייְזְן אִים דִי וֶועג צוּם מִקְלָט.

אוּן דָאס אִיז דִי אוֹיפְגַאבֶּע וָואס כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי תַּלְמִידִים בִּפְרַט, זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְפָאְרן אוֹיף עֶטְלֶעכֶע וָואכְן אוּן שְׁרַייעֶן מִקְלָט, מִקְלָט, דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט צוּ חַיִּים וְטוֹב, זֵיי זָאלְן זַיְין אַזוֹי וִוי שִׁילְדְן וָואס וַוייְזְן דִי וֶועג, אוּן לֶעבֶּעדִיקֶע שִׁילְדְן, נִיט קֵיין שְׁטֵיינֶערְנֶע וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף אַן אָרְט, נָאר לֶעבֶּעדִיקֶע שִׁילְדְן וָואס גֵייעֶן מִיט אַ לֶעבֶּעדִיקַיְיט אוּן וַוייְזְן יֶעדְן אֵיינֶעם דִי וֶועג אִין מִקְלָט.

## When One Action Changes Everything

**8. The Talmud**[33] **states – and** ***Rambam***[34] **quotes this as a halachic directive – "A person should always see himself as equally balanced [between good and evil] and the world as equally balanced."** Applying that directive, **whenever** one sees **another person, he must look at** that person **as equally balanced** between good and evil. **Consequently,** whatever **action** that person **will now perform will tip him toward good or the opposite.**

ח. עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא[ט], אוּן דֶער רַמְבַּ"ם[כ] בְּרֶענְגְט דָאס לַהֲלָכָה, אַז לְעוֹלָם יִרְאֶה אָדָם עַצְמוֹ שָׁקוּל וְהָעוֹלָם שָׁקוּל. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיק קוּקְן אוֹיף יֶעדֶער מֶענְטשְׁן אַז עֶר אִיז גְלַיְיךְ־גֶעוואוֹיגְן, וּבְמֵילָא אִיז דִי פְּעוּלָּה וָואס עֶר וֶועט אִיצְטֶער טָאן, וֶועט אִים מַכְרִיעַ זַיְין לִזְכוּת אוֹ לְהֶפְכּוֹ. נָאךְ מֶער -

31. See *Torah Or* p. 30a ff.

32. The Rebbe is referring to the practice where the students of the central Lubavitcher yeshivah would travel to outlying cities to spread Jewish awareness and observance. See footnote 35 below.

**33.** ***Kiddushin*** **40b, using slightly different wording.**

**34.** ***Rambam, Hilchos Teshuvah*** **3:4.**

**Moreover, one must view the** entire **world as equally balanced. That means that he, together with all the generations that will follow him and all the generations that preceded him, are balanced, and the entire world depends on the action he will carry out now.**

**When a young man who travels to the crossroads**[35] **to show the way "to draw the hearts of Israel close to their Father in Heaven" considers the entire world – all the generations that existed previously and all the generations that will follow – as equally balanced, and with every** positive **action** that he influences **another Jew** to take, **he tips the balance of the entire world, he will not be an inanimate, stationary sign. Instead, he will be a living sign. He will go** to and fro, **energetically dashing** here and there, hoping that **perhaps he will be able to bring about a change in another Jew.** And, with that change, **he will tip the balance of the entire world.**

**He will** vigorously **dash all around, approaching** each **Jew, explaining to him** this life-changing truth: that every person **should know that he is equally balanced** between good and evil. **Whatever the situation in which he finds himself, he is equally balanced. Even if he has committed serious sins, he can** still **do *teshuvah*. And with a single action, in just "one hour"** or even **"one moment,"**[36] **he can tip his entire** spiritual **situation toward the good, because he** always **remains equally balanced.**

The same truth – the student who stands at the crossroads **will explain** – also leads to **the**

עֶר דַארְף טְרַאכְטְן שֶׁהָעוֹלָם שָׁקוּל, דָאס הֵייסְט אַז עֶר מִיט אַלֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן זַיְין נָאךְ אִים אוּן אַלֶע דוֹרוֹת וָואס זַיְינֶען גֶעוֶועָן פַאר אִים, זַיְינֶען שְׁקוּלִים, אוּן אִין דֶער פְּעוּלָּה וָואס עֶר וֶועט אִיצְטֶער טָאן, אִיז אָפְּהֶענְגִיק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

בְּשַׁעַת דֶער בָּחוּר וָואס פָּארְט[כא] אִין דֶער פָּרָשַׁת דְּרָכִים, בִּכְדֵי צוּ וַוייְזְן דִי וֶועג לְקָרֵב אֶת לִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וֶועט זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע דוֹרוֹת וָואס זַיְינֶען שׁוֹין גֶעוֶועָן אוּן אַלֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן זַיְין, זַיְינֶען שְׁקוּלִים, אוּן מִיט יֶעדֶער פְּעוּלָּה וָואס עֶר אִיז פּוֹעֵל אִין אַ אִידְן, אִיז עֶר מַכְרִיעַ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר נִיט זַיְין קֵיין דוֹמֵם'דִיקֶער שִׁילְד וָואס רִירְט זִיךְ נִיט פוּן אָרְט, נָאר עֶר וֶועט זַיְין אַ לֶעבֶּעדִיקֶער שִׁילְד, עֶר וֶועט אַרוּמְגֵיין אוּן לוֹיפְן מִיט אַ חַיּוּת, טָאמֶער וֶועט זִיךְ אִים אַיְינְגֶעבְּן צוּ פּוֹעֵל'ן עֶפֶּעס אִין אַ אִידְן, וָואס דֶערְמִיט וֶועט עֶר מַכְרִיעַ זַיְין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט;

עֶר וֶועט אַרוּמְלוֹיפְן אוּמֶעטוּם, אוּן קוּמֶענְדִיק צוּ אַ אִידְן וֶועט עֶר אִים מַסְבִּיר זַיְין, עֶר זָאל ווִיסְן אַז עֶר אִיז אַ שָׁקוּל, אִין יֶעדְן מַצָּב אִין וֶועלְכְן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִיז עֶר אַ שָׁקוּל; אוֹיבּ אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, קָאן עֶר תְּשׁוּבָה טָאן, אוּן מִיט אֵיין פְּעוּלָּה, אִין אֵיין שָׁעָה אוּן אִין אֵיין רֶגַע, קָאן עֶר מַכְרִיעַ זַיְין זַיְין גַאנְצְן מַצָּב צוּם גוּטְן, וָוארוּם עֶר אִיז אַ שָׁקוּל. פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט - וֶועט עֶר אִים מַסְבִּיר זַיְין - דַארְף עֶר ווִיסְן אַז

35. The *sichah* is referring to the students who travel on **the educational outreach missions of Merkos L'Inyonei Chinuch,*** **particularly during vacation periods.** These young men would go **from city to city to assess the local conditions of Jewish religious life in general and Jewish education in particular.** Their goals were to **inspire and strengthen** Jews of all ages, **distribute** religious **books and educational materials published by Merkos L'Inyonei Chinuch, and carry out various other missions** aimed at **strengthening Jewish observance and** providing **proper Jewish education.**

* The central agency for Lubavitch educational outreach.

36. The Rebbe is alluding to the statement of the *Zohar*, Vol. I, p. 129a, that *teshuvah* can be accomplished "in one hour" and "in one moment."

converse realization: The person must recognize that with one wrong action, he could tip his entire situation in the opposite direction, Heaven forbid. Since he has been granted free choice, he retains the potential to choose evil. Therefore, he must exercise caution, choosing only actions that lead to life and good. And he – the student – will offer to show his fellow Jew the transformative path, so that he "shall choose life."

מיט איין פְּעוּלָּה קָאן ער מַכְרִיעַ זַיין זַיין גַאנְצְן מַצָּב אִין לְעוּמַּת זֶה חַס וְשָׁלוֹם; מִצַּד דער בְּחִירָה חָפְשִׁית וואס אִיז אִים גֶעגֶעבְּן געווארן, קָאן ער בּוֹחֵר זַיין חַס וְשָׁלוֹם אִין רַע, בְּמֵילָא דארף ער זִיךְ הִיטְן, טָאן דָאס וואס עס פִירְט צוּ חַיִּים וְטוֹב, און ער - דער תַּלְמִיד - וועט דעם אִידְן ווַייזְן די וועג פוּן וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים.

## Results Need Not Be Visible

**9.** Among the students who have undertaken these missions, there may be some who think they have not accomplished anything. However, in truth, their achievements are not the appropriate yardstick; it is not important whether they accomplished anything or not.

Consider the law regarding searching for *chametz:*[37] When someone searches for *chametz*, he looks everywhere to see if any *chametz* exists. Even if no *chametz* is found, the blessing he made remains valid. Although it would appear that he accomplished nothing, he fulfilled what was required of him; he performed the *mitzvah* properly.

True, he has nothing to boast about after all his efforts. He stayed up all night, didn't learn, and didn't sleep, turned his house upside down, and seemingly accomplished nothing. However, he fulfilled the *mitzvah* that was required of him.

The same principle applies to the search for *chametz* in a spiritual sense. The students who travel on these outreach missions often think they've accomplished nothing. Such a person spent his time not in a settled place, but out on the road, standing at crossroads – places where someone could easily go the wrong way.

ט. פַארַאן אַזעלְכֶע וואס מֵיינֶען אַז זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט אוֹיף, אִיז בֶּאֱמֶת גֶערֶעדְט - נִיט דָאס אִיז קוֹבֵעַ, צִי זֵיי טוּעֶן יָא אוֹיף צִי נֵיין.

דער דִין בַּיי בִּיעוּר חָמֵץ אִיז, אַז ווען מען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ, זוּכְט מען אִיבֶּערַאל צִי ס'אִיז דָא חָמֵץ, אִיז אֲפִילוּ אוֹיב מען גֶעפִינְט נִיט קֵיין חָמֵץ, אִיז די בְּרָכָה אַ בְּרָכָה. ער הָאט גֶעטָאן וואס עס לִיגְט אוֹיף אִים, הֲגַם אַז ער הָאט לִכְאוֹרָה גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטָאן, הָאט ער מְקַיֵּים גֶעווען די מִצְוָה כְּתִיקוּנָהּ[כב].

מִיט וואס צוּ בַּארִימֶען זִיךְ, הָאט ער טַאקֶע נִיט. ער אִיז אוֹיף גֶעווען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, נִיט גֶעלֶערְנְט די נַאכְט און נִיט גֶעשְׁלָאפְן, אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט די הוֹיז און הָאט עֶרְשְׁט גָארְנִיט אוֹיפְגֶעטָאן, אָבֶּער די מִצְוָה וואס עס לִיגְט אוֹיף אִים הָאט ער מְקַיֵּים גֶעווען.

און אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי בְּדִיקַת חָמֵץ בְּרוּחְנִיוּת. די בָּחוּרִים וואס פָארְן און מֵיינֶען אַז זֵיי טוּעֶן נִיט אוֹיף, ער הָאט פַארבְּרַאכְט זַיין צַייט נִיט אִין קֵיין מָקוֹם מוֹשָׁב, נָאר עֶרְגֶעץ אִין מִיטְן וועג, אוֹיף אַ פָּרָשַׁת דְּרָכִים, אַן אָרְט וואוּ מען קען דַארְפְן גֵיין אִין לִינְקְן זַייט חַס וְשָׁלוֹם,

37. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 432:11.

**After all this effort,** he may feel that **he's accomplished nothing** tangible.

**He has nothing to boast about,** that's **true. However, he did what was required of him.** As our Sages teach,[38] **"The reward of a *mitzvah* is a *mitzvah*."** The word *mitzvah* shares the root letters of the Aramaic word *tzavsa* (צוותא), meaning **"connection"** and **"bond."**[39] The reward for a *mitzvah* is the bond and connection with G-d that one establishes, regardless of whether any tangible results are evident.

אוּן נָאךְ אַלֶעם דֶעם הָאט עֶר עֶרְשְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטָאן. אִיז מִיט וָואס צוּ בַּארִימֶען זִיךְ הָאט עֶר נִיט - אָבֶּער דָאס וָואס לִיגְט אוֹיף אִים הָאט עֶר גֶעטָאן, וּשְׂכַר מִצְוָה מִצְוָה[כג], צַוְתָּא וְחִיבּוּר.

## The Rebbe Rashab's Promise: Nothing Is in Vain

**10.** There is a **further** point: One of these students might **think that he has not accomplished anything. He became worn out** from the journey. **When he returns, people will have complaints against him and his friends will mock him** for not having anything to show for his efforts. **Aside from the fact that, as mentioned, the main thing is that** he **acted. Beyond that,** he can rest assured that **he certainly accomplished something; it is just that he** himself **doesn't know about it. Since he made the effort, he has undoubtedly accomplished something. As my revered father-in-law, the Rebbe, stated several times in the name of his father,** the Rebbe Rashab,[40] **"There is valid assurance that one's endeavors [to spread Torah observance] will not be expended in vain."**

י. נָאךְ מֶער: כָאטשׁ עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט גָארְנִיט אוֹיפְגֶעטָאן, פַארְמַאטֶערְט אִיז עֶר, אוּן קוּמֶענְדִיק צוּרִיק וֶועט מֶען נָאךְ הָאבְּן צוּ אִים טַעֲנוֹת אוּן חֲבֵרִים וֶועלְן לַאכְן פוּן אִים, אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס, וִוי גֶעזָאגְט, אִיז דֶער עִיקָר דֶער טָאן, - הָאט עֶר בֶּאֱמֶת יָא אוֹיפְגֶעטָאן, נָאר עֶר אַלֵיין ווֵייס נִיט דֶערְפוּן. וִוִיבַּאלְד אַז עֶר הָאט גֶעטָאן, הָאט עֶר גֶעוִויס אוֹיפְגֶעטָאן, וִוי כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר הָאט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים אִין נָאמֶען פוּן זַיְין פָאטֶער[כד]: חֲזָקָה לְתַעֲמוּלָה שֶׁאֵינָהּ חוֹזֶרֶת רֵיקָם.

## Awakening Memories

**11.** Among **the things** the traveling student **has accomplished are:**

יא. אֵיינֶער פוּן דִי אוֹיפְטוּעֶן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטָאן אִיז:

**Firstly, whenever one walks or runs on a mission to fulfill a *mitzvah*, he purifies the stones he steps on**

אוֹיסֶער דֶעם וָואס וֶוען מֶען גֵייט אָדֶער מֶען לוֹיפְט אִין אַ שְׁלִיחוּת מִצְוָה, הָאט עֶר מְזַכֵּךְ

38. *Avos* 4:2.

39. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 47b, *et al.*

40. *Hayom Yom,* entry 12 Tishrei.

**and purifies the air in that place. However, this is a matter that is not visible – something that he cannot** record **in the report he makes of his journey.** As mentioned, the student had gone out **desiring to accomplish something** concrete **via the mission on which he was sent – "to draw the hearts of Israel close to their Father in Heaven."** He should know that, in truth, **he accomplished something in this area as well.**

Picture the scene: A **Jew is sitting at home. Through the window, he sees a young man with a beard running by. He** then **remembers that his father also looked like that – and that his father told him, "Every day, when you wake up in the morning, you should say** ***Modeh Ani*****. When you go to sleep, you should say** ***Shema Yisrael*****."** **At that moment,** the person **who remembers repeats – either in his thought or speech – the verse** ***Shema Yisrael*** **and the prayer** ***Modeh Ani*****, and he undergoes a spiritual awakening.**

Another instance: **A child comes home and tells** his parents **that he saw a young man with a beard selling** ***Talks and Tales.*** [41] **The young man wanted to give him** a copy of ***Talks and Tales,*** **but,** out of caution, **he did not accept it. When he tells this to his father or mother, they remember their parents at that moment, and "in one hour" and "in one moment,"** [36] they can experience a spiritual arousal.

גֶעווען דֶעם שְׁטֵיין וָואס עֶר הָאט אוֹיף אִים גֶעטְרָאטְן, אוּן הָאט אוֹיף יֶענֶעם אָרְט מְטַהֵר גֶעווען דֶעם אֲוִיר,

- אָבֶּער דָאס אִיז דָאךְ אַן עִנְיָן וָואס עֶר זֶעט דָאס נִיט, אוּן מֶען וֶועט דָאס נִיט אַרַיינְשְׁרַייבְּן דָא לְמַטָּה אִין דֶעם דִין וְחֶשְׁבּוֹן. אָבֶּער עֶר ווִיל דָאךְ עֶפֶּעס אוֹיפְטָאן אִין דֶער שְׁלִיחוּת וָואס מֶען הָאט אִים גֶעשִׁיקְט לְקָרֵב לִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, -

אִיז בֶּאֱמֶת הָאט עֶר אִין דֶעם עִנְיָן אוֹיךְ אוֹיפְגֶעטָאן.

בְּשַׁעַת אַ אִיד זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן זֶעט דוּרְכְן פֶּענְסְטֶער ווִי עֶס לוֹיפְט אַ בָּחוּר מִיט אַ בָּארְד, דֶערְמָאנְט עֶר זִיךְ אַז זַיְין טַאטֶע הָאט אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעקוּקְט, אוּן אַז זַיְין פָּאטֶער הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט: אַלֶע טָאג, אוֹיפְשְׁטֵייעֶנְדִיק אִינְדֶערְפְרִי, זָאלְסְטוּ זָאגְן מוֹדֶה אֲנִי, אוּן גֵייעֶנְדִיק שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ זָאגְן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, אוּן בְּעֵת מַעֲשֶׂה חַזֶר'ט עֶר אִיבֶּער - דֶער וָואס דֶערְמָאנְט זִיךְ - אִין זַיְין מַחֲשָׁבָה אָדֶער דִבּוּר, דֶעם פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אוּן מוֹדֶה אֲנִי, אוּן עֶר שְׁטֵייט אִין אַ הִתְעוֹרְרוּת.

אַז עֶס קוּמְט אַ קִינְד אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַ בָּחוּר מִיט אַ בָּארְד פַּארְקוֹיפְנְדִיק "טָאקְס עֶנְד טֵיילְס", אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גֶעווָאלְט אִים אַרַיינְרוּקְן אַ "טָאקְס עֶנְד טֵיילְס", אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְן, אִיז ווֶען עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס זַיְין טַאטְן צִי זַיְין מַאמֶען, דֶערְמָאנֶען זֵיי זִיךְ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וּבְשַׁעְתָּא חֲדָא וְרִגְעָא חֲדָא כו'.

## Honest Humility, but Genuine Impact

**12.** The student **should indeed have "a broken and crushed heart"** [42] **because his actions did not produce manifest results.**

יב. אַ לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה דַארְף עֶר טַאקֶע הָאבְּן וָואס זַיְינֶע פְּעוּלוֹת זַיְינֶען נִיט קֵיין אָנְגֶעזֶעֶנֶע,

41. A Lubavitch publication for youth.

42. Cf. *Tehillim* 51:19.

**Had he been worthy, his actions would have brought about recognizable changes, not merely indirect results.[43] However, he cannot say that he accomplished nothing. The very fact that people saw a young man with a beard traveling around to awaken Jews to their Judaism in and of itself was an accomplishment, at least in an indirect way.**

וואָרום אויב ער וואָלט זוֹכה געווען, וואָלט ער אויפגעטאָן פּנימיות׳דיקע פּעוּלות, און ניט נאָר קיין מַקיף׳דיקע פּעוּלות, אָבער זאָגן אַז ער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן, קען מען ניט, וואָרום דאָס אַליין וואָס מען האָט געזען אַז עס פאָרט אַרום אַ בָּחוּר מיט אַ באָרד מעורר זיין אידן צו אידישקייט, דאָס אַליין האָט געוויס גע׳פּוֹעל׳ט על כּל פּנים בּדרך מַקיף.

## A Living Sign

**13. A young man, one of the students in the *yeshivah,*[44] told me that a Conservative rabbi once came here[45] to a chassidic *farbrengen* ("gathering"). He did not become a chassid, but he enjoyed the experience and the chassidim interested him. This rabbi was a teacher or principal in a school. Since** he wanted to engage **the children, he would tell** them stimulating **stories to arouse their interest.** Once, **he told them that there are Jews called chassidim and he began telling them about their customs:** Each morning, **they study before praying. They then devote hours to prayer. Thereafter, they have study sessions where they learn** classic Jewish texts. **Only afterwards do they** eat breakfast, including their morning orange **juice.**

יג. אַ יונגערמאַן פון די תּמימים האָט מיר דערציילט, אַז אַ קאָנסערוואַטיווער ראַבּיי איז געווען דאָ אַמאָל צו אַ חסידישן פאַרברענגען. קיין חסיד איז ער ניט געוואָרן, אָבער עס איז אים געפעלן געוואָרן און עס האָבן אים פאַראינטערעסירט חסידים. דער ראַבּיי איז אַ טיטשער צי אַ פּרינציפּאַל אין אַ סקול. אַזוי ווי ער דאַרף דאָך דערציילן די קינדער סיפּורים צו פאַראינטערעסירן זיי, האָט ער זיי דערציילט אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע אידן מיטן נאָמען חסידים, און האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן זייערע הנהגות: זיי לערנען פאַרן דאַווענען, דערנאָך דאַווענען זיי לאַנג, נאָכהער האָבן זיי שיעורים וואָס זיי לערנען - און ערשט דערנאָך טרינקען זיי דזשוס.

**The children heard everything** he told them **and asked whether these were people who existed long ago in Europe. He answered them that such** people **also exist now, and in America. The children didn't believe him. They couldn't** believe **that**

די קינדער האָבן דאָס אַלץ אויסגעהערט, און געפרעגט צי דאָס זיינען מענטשן וואָס זיינען געווען אַמאָל, אָדער אין יוראָפּ. האָט ער זיי געענטפערט אַז זיי זיינען פאַראַן אויך איצטער און אין אַמעריקע. די קינדער האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן אים ניט, עס קען ניט

43. The expressions "recognizable changes" and "indirect results" are interpretive translations of the Yiddish terms *p'nimiyosdikker pe'ulos* and *makifdikker pe'ulos. P'nimiyos* means "inward," and, in this context, refers to an interchange between two people where the communication had an effect that was directly felt. *Makif* means "encompassing" and refers to an effect that is not a direct result of the interaction between the people.

44. The Rebbe used the term *temimim.* The Lubavitcher yeshivah is called *Tomchei Temimim* and the students are referred to in the plural as *temimim* and, in the singular, as a *tamim.*

**45. I.e., to Lubavitch headquarters at 770.**

זַיְין אַז הַיְינְט אִין אַמֶעריקֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אַזֶעלְכֶע מֶענְטשְׁן.

דֶער רַאבַּיי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן עֵצוֹת ווִי צוּ בַּאשְׁטֶעטִיקְן דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶער, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט אוֹיף זַיְינֶעם אַ בַּאקַאנְטְן, אַ חֲסִידִישְׁן יוּנְגֶערְמַאן - דָאס אִיז דֶער יוּנְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה - אִיז עֶר צוּגֶעפָארְן צוּ אִים, דֶערְצֵיילְט אִים דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין סְקוּל. דַארְפְסְט דָארְטְן גָארְנִישְׁט טָאן - זָאגְט דֶער רַאבַּיי צוּם יוּנְגֶערְמַאן - דַארְפְסְט זִיךְ נָאר ווַיְיזְן. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

ווֶען דֶער יוּנְגֶערְמַאן אִיז אַרַיְין אִין סְקוּל - אַ יוּנְגֶערְמַאן מִיט אַ גְרוֹיסֶער בָּארְד - הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּפְן דֶער רַאבַּיי צוּ דִי קִינְדֶער: אִיר גֶעדֶענְקְט אַז אִיךְ הָאבּ אַיְיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה ווֶעגְן חֲסִידִים, אוּן אִיר הָאט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט? קוּקְט! אָט דֶער יוּנְגֶערְמַאן וָואס אִיז אִיצְט אַרַיְין, אִיז אֵיינֶער פוּן דִי חֲסִידִים.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִים בַּאטְרַאכְט, ווִי עֶר קוּקְט אוֹיס מִיט זַיְין בָּארְד אוּן אַזוֹי ווַיְיטֶער אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר אִיז אַ חָסִיד. אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערט אוֹיף יָא, הָאבְּן זֵיי בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפְרֶעגְן זִיךְ ווֶעגְן דִי הַנְהָגוֹת פוּן חֲסִידִים וכו׳. בַּיְיטָאג הָאבְּן דָאס דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת בַּיי זִיךְ אִין הֵיימֶען, אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטֶעלְן שְׁאֵלוֹת דִי עֶלְטֶערְן וכו׳ וכו׳.

(משיחת ש"פ מטו"מ, תשי"ב)

there are such people today in America.

The rabbi began looking for ways to verify the story for the children. He remembered an acquaintance of his, a chassidic young man – the young man who told me the story. He went to him, told him the entire episode, and asked him to come to his school. "You don't need to do anything there," the rabbi told the young man. "All you need to do is show up." The young man agreed.

When this young man – a young man with a large beard – came to the school, the rabbi called to the children, "Do you remember that I told you a story about chassidim, and you didn't believe me? Look! This young man who just came in is one of the chassidim."

**The children looked at him,** examining **his appearance – his beard,** his coat and hat, **and the like. They asked him whether he was a chassid. When he answered that he was, they began asking him about the customs of chassidim, etc.** Later **that day, at home, the children told their parents about this with amazement. They began asking questions of their parents,** and there were many ripple effects from this encounter.

---

א) בבא בתרא ק, ב. רמב"ם פרק ח מהלכות רוצח ושמירת נפש הלכה ה. מכות י, ב. במדבר רבה כג, יג. תנחומא מסעי, יא.

ב) מכות י, א.

ג) זע אויך לקו"ש ח"ב עמוד 623.

ד) הקדמת בית אחרון יד, א.

ה) ספר המאמרים השי"ת עמוד 140.

ו) הר׳ מנחם מענדל ז"ל (נולד ו׳ אדר תרכ"ז) אחי אדמו"ר מהורש"ב נ"ע. וראה אודותו ספר התולדות אדמו"ר מהר"ש עמוד 22.

ז) לכאורה איז דאָ מוח הבינה דערמאָנט נאָר בדרך ממילא, וכידוע שמוח הזכרון הוא בחינת חכמה שלמעלה מהבינה (לקוטי תורה שיר השירים ביאור על פסוק באתי לגני ענדע פרק א), אבל יש לחלק בין פנים ואחוריים, עיין במקומות המובאים ביאיר נתיב על מאורי אור מערכת זכור ומערכת שכחה.

ח) ענדע סימן כו.

ט) מכות ט, ב.

י) דברים ל, טו.

יא) דאָרט, יט.

יב) זע תניא אָנפאַנג פרק יג.

יג) ברכות כח, ב.

יד) סוטה יא, א.

טו) בבא בתרא טז א ובעין יעקב דאָרט. זע ספר המאמרים ה׳ש"ת עמוד 159.

טז) היום יום, ה׳ אייר.

יז) תניא פרק יג.

יח) ליקוטי דיבורים עמוד 890.

יט קידושין מ, ב (בשינוי לשון).

כ) הלכות תשובה פרק ג הלכה ד.

כא) אין די שליחות׳ן פון מרכז לעניני חינוך (ספעציעל אין די ימי החופש) פון שטאָט צו שטאָט אום צו באַקענען זיך אויפן אָרט מיטן מצב היהדות בכלל

און מצב החינוך בפרט, מעורר און מחזק זיין אַלט און יונג, פאַרשפרייטן די ספרים און חוברות וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן דורך דעם מל"ח (מרכז לעניני חינוך) און דורכפירן פאַרשידענע אַנדערע שליחות'ן אין חיזוק היהדות און חינוך הכשר.

כב) שלחן ערוך אדמו"ר הזקן ענדע סימן תלב.

כג) אבות פרק ד משנה ב.

כד) היום יום, יב תשרי.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Meir Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie